**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 7/20/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

## גאווערנער האוקול שרייבט אונטער לעגיסלאטיווע פעקל צו שטיצן פובליק האָוזינג איינוואוינער און פארבעסערן אומשטענדן אין NYCHA

***S.7859-A/A.8612-A פאדערט פון NYCHA צו האבן א זוכבארע דאַטעבעיס פון טיקעט נומערן***

***S.72-A/A.9387-A איז פארבינדן מיט אויסהאלטן פובליק דאטא אויף אפענע קאָוד פארלעצונגען אין NYCHA בוי פראיעקטן***

גאווערנער קעטי האוקול האט אונטערגעשריבן א פעקל לעגיסלאציע צו שטיצן איינוואוינער פון פובליק האָוזינג און פארבעסערן אומשטענדן אין דער ניו יארק סיטי האָוזינג אויטאריטעט. לעגיסלאציע S.7859-A/A.8612-A פאדערט פון NYCHA צו שאפן און אויסהאלטן א דאַטעבעיס וואו מען קען דורכזוכן די טיקעט נומערן צו ווייזן די קלאגעס איינגעגעבן דורך איינוואוינער. לעגיסלאציע S.72-A/A.9387-A פאדערט אז דאטא פון עקזיסטירנדע קאוד פארלעצונגען אין פובליק האָוזינג בוי פראיעקטן מוז געהאלטן ווערן אויפ׳ן זעלבן שטייגער ווי פאר פריוואט-באזיצטע האָוזינג.

״אויף צו לאנג זענען פובליק איינוואוינער אין ניו יארק סיטי געצווינגען געווען צו האנדלען מיט אומדערטרעגליכע לעבנס אומשטענדן — אבער מיר ארבעטן דאס צו ענדערן,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״העכערן דורכזעאיגקייט און פאראנטווארטליכקייט אין NYCHA וועט העלפן פארבעסערן אפעראציעס און פארזארגן פאר איינוואוינער די געצייג נייטיג אויף נאכצושפירן פארשריט אויף פארריכטונגען און פארבעסערונגען.״

״אויסהאלטן איצטיגע דאטא סיסטעמען און ניצן טעכנאלאגיע צו העלפן נאכשפירן קלאגעס וועט העלפן דער ניו יארק סיטי האָוזינג אויטאריטעט פארבעסערן די לעבנס אומשטענדן פון איינוואוינער,״ **האט געזאגט ליוטענאנט גאווערנער אנטאניא דעלגאדא.** ״דער נייער פעקל געזעצן אונטערגעשריבן דורכ׳ן גאווערנער צו העלפן פארבעסערן פובליק האָוזינג אומשטענדן וועלן פארזיכערן אז ניו יארקער אין אומזיכערע האָוזינג אומשטענדן האבן ווייטער אן ארט פאסיג צו וואוינען אויף אנצורופן א היים.״

לעגיסלאציע S.7859-A/A.8612-A פאדערט פון NYCHA צו האבן א דאַטעבעיס דורכצוזוכן טיקעט נומערן, וועלכס וועט פארברייטערן דורכזעעדיגקייט און פאראנטווארטליכקייט אין דער אויטאריטעט׳ס אפעראציעס. טיקעט נומערן און קלאגעס וועלן קענען געזען ווערן דורכ׳ן פובליק, אבער וועלן אויסשליסן פערזענליכע אינפארמאציע איבער די איינוואוינער וועלכע האבן איינגעגעבן סיי וואספארא טענות.

**סטעיט סענאטארקע דזשעסיקע ראַמאָס האט געזאגט,** ״צו אפט האבן מיינע שכנים ביי ׳וואוּדסייד האָוזעס׳ זיך געשפירט ווי זייערע מעינטענענס פארלאנגען ווערן פארשוואונדן אין דעם תוהו ובוהו. איך שטאלציר מיך צו קענען ארבעטן בשותפות מיט אסעמבלי-מיטגליד בארנוועל צו שאפן דעם פובליק דאַטעבעיס צו קענען דורכזוכן פאר מעינטענענס פאררעכטונגען. עס איז אזא פשוט׳ע און נייטיגע

געדאנק, און עס פריידט מיך זייער אז מיר האבן עס געקענט אויפטאן פאריגע סעסיע. דורך עס היינט אונטערשרייבן אלס געזעץ, העלפט גאווערנער האוקול צו שאפן א סיסטעם פון פאראנטווארטליכקייט פאר ניו יארקער וועלכע וואוינען אין NYCHA.״

**אסעמבלי-מיטגליד ברייען בארנוועל האט געזאגט,** ״אויף צו לאנג האבן די איינוואוינער פון NYCHA געהאט זייערע קלאגעס געשלאסן אן קיין שום צוגעשטעלטע אינפארמאציע, און צומאל איז די ארבעט גארנישט פערטיג געווארן. דער ביל וועט צושטעלן פאראנטווארטליכקייט און דורכזעעדיגקייט פאר די איינוואוינער פון NYCHA. דאס וועט גיין א ווייטן וועג אין העלפן לייזן פילע קלאגעס וועלכע מיר באקומען טאג-טעגליך. איך דאנק גאווערנער האוקול און סענאטאר ראַמאָס פאר׳ן ארבעטן אינאיינעם און אויספירן די ארבעט.״

לעגיסלאציע S.72-A/A.938-7A פאדערט אז דאטא פון עקזיסטירנדע קאוד פארלעצונגען אין פובליק האָוזינג בוי פראיעקטן מוז געהאלטן ווערן אויפ׳ן זעלבן שטייגער ווי פאר פריוואט-באזיצטע האָוזינג, וועלכס וועט אנטדעקן די צושטאנד פון די דערמאנטע פובליק האָוזינג.

**סטעיט סענאטאר ברעד הוילמען האט געזאגט,** ״אונזער פובליק האָוזינג זאל נישט זיין אינסולירט פון פובליק פאראנטווארטליכקייט. אויף דעם מאמענט איז נישט דא קיין סיסטעם אין פלאץ וואס זאמלט דאטא אויף נישט-פארראכטענע קאָוד פארלעצונגען אין NYCHA וואוינונגען. פריוואטע טענאנטן אין ניו יארק סיטי קענען רופן ״311״, אבער קלאגעס וועלכע ווערן איינגעגעבן דורך איינוואוינער ווערן נישט רעקארדירט. איך בין דאנקבאר פאר סענאט מאיאריטעט פירער סטווערט-קוזינס, מיין דעמאקראטישע סענאט קאלעגעס און גאווערנער האוקול פאר ארבעטן/צו אדרעסירן דעם חסרון אין אונזער פובליק האָוזינג פאראנטווארטליכקייט סיסטעמען. מיט S.72A וועט ניו יארק סיטי ענדליך קענען שיינען א ליכט אויף די אומשטענדן פון אונזערע NYCHA איינריכטונגען און געבן פאר אלע ניו יארקער די זיכערע און ריינע האָוזינג וואס קומט זיך זיי.״

**אסעמבלי-מיטגליד מארסעלא מיטאינעס האט געזאגט,** ״איך אפלאדיר דאס אונטערשרייבן דעם פובליק דאַטעבעיס פאר NYCHA אפענע קאוד פארלעצונג ביל (A09387/S72) אלס געזעץ, ברענגנדיג אונזער לאנד׳ס גרעסטע עקזיסטירנדע זאפאס פון פובליק האָוזינג צו די זעלבע סטאנדארט וואס די אנדערע עקזיסטירנדע האָוזינג דירות ווערן געהאלטן. דער ביל וועט פארזארגן פאר אלע איינוואוינער און פירער מיט א מיטל וואס קען געניצט ווערן צו האלטן זייערע האָוזינג אגענטורן פאראנטווארטליך. דורך פאדערן פון NYCHA צו האלטן דאטא אויף נישט-פארראכטענע קאוד פארלעצונגען אין זייערע דעוועלאפמענטס, קענען מיר אנהייבן געמיינזאם פארזארגן פאר אונזערע ארבעטער-קלאס איינוואוינער מיט ארנטליכע האָוזינג און זעלבסט-עהרע וואס עס קומט זיך אונז אלע.״

**ניו יארק סיטי מעיאר עריק אדאמס האט געזאגט,** ״NYCHA איינוואוינער קומט זיך די זעלבע זיכערע, הויכע קוואליטעט, צוגענגליכע האָוזינג וואס קומט זיך פאר יעדן ניו יארקער און עס מאכט מיך צופרידן צו האבן גאווערנער האוקול אלס א מיטארבעטער אין דער באמיאונג דאס צו ברענגען צו דער ווירקליכקייט. ענדליך האבן מיר א גאווערנער און א מעיאר וועלכע ארבעטן אינאיינעם צו ליפערן ווירקליכע, העכסט-נייטיגע פארבעסערונגען אין NYCHA, און איך קוק ארויס ווייטער צו ארבעטן מיט גאווערנער האוקול צו בויען אויף דעם ׳פובליק האָוזינג אפהיט טראַסט׳ און געבן NYCHA איינוואוינער די ריינע, זיכערע וואוין-ערטער וואס זיי ברויכן האבן.״

דאס אונטערשרייבן די לעגיסלאציע בויט אויף גאווערנער האוקול׳ס איבערגעגעבנקייט צו פארזארגן זיכערע, צוגענגליכע האָוזינג פאר ניו יארקער. אין יולי אליין, האט גאווערנער האוקול אויסגעמאלדן דאס פארענדיגן פון צוגענגליכע האָוזינג פראיעקטן אין ניאגארא קאונטי און אסוועגא, און דאס אנהייבן קאנסטרוקציע אויף צוגענגליכע האָוזינג פראיעקטן אין סענעקע קאונטי און איסט באפעלאו.

אין יוני, האט גאווערנער האוקול אונטערגעשריבן לעגיסלאציע צו שאפן דעם ׳ניו יארק סיטי פובליק האָוזינג אפהיט טראָסט׳, א פובליק בענעפיט קארפאראציע, צו העלפן פינאנצירן פארריכטונג, רעהאביליטירונג און מאדערניזאציע פון 25,000 דירות אונטער NYCHA קאנטראל. דער טראָסט גאראנטירט אויך אז שטובער ווערן געהאלטן צוגענגליך דורך אפהיטן רעכטן וועלכע פארזיכערן אז איינוואוינער צאלן נאר 30 פראצענט פון זייערע איינקונפט אויף רענט, איינוואוינער באקומען ווייטער אלע איצטיגע נאכקומער רעכטן, דירות וועלן ווייטער ווערן געהאלטן פאר נידעריגע איינקונפט איינוואוינער און אז ליידיגע דירות וועלן ווייטער אנגעפילט ווערן ניצנדיג דעם NYCHAווארטונג ליסטע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418

זיך אויסשרייבן